NEW

# לקוטי שיחות

SHMOS שמות

VOLUME 1, P. 111-119

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

sie

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# SHMOS I | שמות א

Adapted from *sichos* delivered on Pesach, 5712 (1952), and 5714 (1954)

## Introduction

Every parent wants their children to succeed. We want them to have homes, careers, security – a life free from the anxieties that have shadowed the Jewish people throughout history. These desires are natural, understandable, and rooted in a deep love for our children.

Yet we live in a world that constantly whispers a seductive message regarding how to fulfill them: Material success is what matters. Financial security should be prioritized over spiritual connection.

The Rebbe identifies this pressure in terms that echo across millennia. Pharaoh's decree was not only to drown Jewish children in the Nile physically. Figuratively, it meant immersing them in Egyptian culture – to educate them in a worldview that would sever them from their heritage and their souls. Today, we face similar voices urging us to highlight secular achievement above all else, to measure our children's worth by conventional markers of success rather than by their connection to Torah and our people. According to this view, choosing Torah education means condemning our children to poverty or marginalization.

In the *sichah* that follows, the Rebbe addresses these fears directly. He does not dismiss the importance of earning a livelihood nor does he minimize the real challenges families face. Instead, he reframes the question: What will sustain our children and secure the future of our people?

The challenge is a choice of trust, not of priorities. The question is not: Do we seek our children's welfare or give precedence to their Judaism? It is: Do we have the faith to trust that G-d, who commands us to educate our children in Torah, will provide for their needs?

# Pharaoh's Dual Decree

## Raised in Whose Ways?

**1.** Pharaoh's command,[1] **"Every son who is born you shall cast into the river, and every daughter you shall see to it that she lives,"** provokes[2] **a question: Why did Pharaoh have to conclude "every daughter you shall see to it that she lives"? What mattered to him was casting all the newborn sons into the river.** His words imply that **he was not interested in what would happen to the girls.** Nevertheless, **the fact that his words conclude "every daughter you shall see to it that she lives," indicates that this phrase also involves a** particularly harsh **decree** regarding the girls.

With his words, **"every daughter you shall see to it that she lives," Pharaoh was commanding the same Egyptians – those whom he had instructed to cast the** Jewish boys **into the river and kill them physically – to be the ones who "see to it" that the** girls **live.** In other words, although **he commanded** his people to allow **the surviving remnants**[3] **of the** Jewish **infants to remain physically alive, by the Egyptians "see[ing] to it" that they live,** they would be **educating the** Jewish girls **in their Egyptian lifestyle – and thus they** would **slay their souls.**

**On this basis, we can understand the difference in the wording Pharaoh used when speaking to the Jewish midwives.** He told them,[4] "If it is a son, you shall put him to death, but if it is a daughter, she may remain alive." **Pharaoh told them not to**

**א.** אוֹיפְן פָּסוּק כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאוֹרָה תַּשְׁלִיכוּהוּ וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן, פְּרֶעגְט מֶען[א], צוּלִיבּ וואָס הָאט פַּרְעֹה גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן: וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן (מֶען זָאל לָאזְן לֶעבְּן דִי טֶעכְטֶער) - עֶר אִיז דָאךְ אוֹיסְן גֶעוֶוען אַז דִי נַײגֶעבּוֹירֶענֶע זִין זָאל מֶען אַרַײנְוואַרְפְן אִין טַײךְ, אוּן דָאס וואָס וֶועט זַײן מִיט דִי טֶעכְטֶער הָאט אִים נִיט אִינְטֶערֶעסִירְט, אוּן פוּן דֶעם וואָס עֶר פִירְט אוֹיס וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן אִיז דָאךְ מַשְׁמַע אַז "וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן" אִיז אוֹיךְ אַ גְזֵירָה.

דִי דֶערְקְלֶערוּנְג דֶערְפוּן אִיז: "תְּחַיּוּן" אִיז דֶער טַײטְשׁ אוּן דִיוּק: אִיר זָאלְט זֵיי לָאזְן לֶעבְּן - בַּאלֶעבְּן. דִי זֶעלְבֶּע מִצְרִיִּים, וֶועמֶען פַּרְעֹה הָאט אָנְגֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן אַרַײנְוואַרְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין טַײךְ, בִּכְדֵי אָפְּצוּטוֹיטְן רַחֲמָנָא לִצְלַן זֵייעֶר גוּף, הָאט עֶר זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעזָאגְט אַז דִי שְׁאֵרִית הַפְּלֵיטָה קִינְדֶער וֶועלְכֶע וֶועלְן בְּלַײבְּן לֶעבְּן (בְּגַשְׁמִיּוּת), זָאלְן זֵיי - דִי מִצְרִיִּים - מְחַיֶּה זַײן זֵיי - דֶערְצִיעֶן אִין זֵייעֶר דֶרֶךְ, אִין לֶעבְּנְסְוֶועג פוּן מִצְרַיִם, בִּכְדֵי אָפְּצוּטוֹיטְן רַחֲמָנָא לִצְלַן זֵייעֶר נְשָׁמָה.

דֶערְמִיט אִיז אוֹיךְ פַארְשְׁטַאנְדִיק דֶער שִׁינּוּי הַלָּשׁוֹן, וואָס צוּ דִי אִידִישֶׁע מְיַלְּדוֹת הָאט פַּרְעֹה גֶעזָאגְט נָאר וֶועגְן

---

1. *Shmos* 1:22.

**2. See *Shmos Rabbah* 1:18.**

3. The term "surviving remnants" is often used when referring to the survivors of the Holocaust. Perhaps, the Rebbe was implying that after Pharaoh killed the boys physically, he would kill the girls spiritually by assimilating them into Egyptian culture. Similarly, after the Holocaust killed so many Jews physically, assimilation would kill those who remained spiritually.

4. *Shmos* 1:16.

do anything to the girls. In this way, it would be easier for him to convince them to carry out his decree regarding the boys. However, he did not instruct the Jewish midwives: “You shall see to it that they live,” that they be educated as Jews; he merely said, “she may remain alive.”

The fact that the Torah mentions both decrees together in the same verse proves that “every daughter you shall see to it that she lives” is no less harsh a decree than “every son who is born you shall cast into the river.” Slaying a Jewish soul is just as serious as slaying a Jewish body, and even more severe, for spiritual death is worse than physical death.[5]

ניט טשעפּען די בָּנוֹת - כְּדֵי לַייכטער אויסצופירן בַּיי זיי די גְזֵירָה פון אָפּטויטן די זין - אָבער זיי האָט ער ניט געזאָגט תְּחַיּוּן - נאָר וָחָיָה - זי זאָל בלייבן לעבן.

און פון דעם וואָס די תּוֹרָה זאָגט בֵּיידע גְזֵירוֹת צוזאַמען, אין דעם זעלבן פָּסוּק, איז אַ רְאָיָה אַז דער "וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן" איז ניט קיין קלענערע גְזֵירָה פון "כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאוֹרָה תַּשְׁלִיכוּהוּ", אָפּטויטן רַחֲמָנָא לִצְלַן די נְשָׁמָה איז אַזוֹי הַארבּ ווי אָפּטויטן דעם גוּף, און נאָך ערגער. ווײַל[ה]: קָשָׁה מִיתָה רוּחָנִית יוֹתֵר מִמִּיתָה גַּשְׁמִית - אַ גייסטיקער טויט איז ערגער פון אַ קערפּערלעכן טויט.

## The Danger of the Nile

2. The abovementioned decree, “*you* shall see to it” that the girls live – to educate Jewish girls in the Egyptians’ lifestyle and immerse them in the boiling cauldron of Egyptian culture – is also alluded to in the decree: “Every son who is born you shall cast into the river.”

The Nile River was the deity worshiped by the Egyptians. The simple reason was that the Egyptians’ sustenance depended on the Nile because rain almost never falls in Egypt, and the fields are irrigated by the Nile.

The words, “cast into the river,” imply subjecting the Jews to a) a physical exile in Egypt, where their bodies were killed, b) a spiritual exile there, where Jewish children were drowned in Egypt’s idolatry and its associated pleasures, killing their souls. The river into which they were thrown is a waterway, and water is associated with pleasure, as *Tanya* teaches, “Water nurtures all forms of pleasure.”

ב. די דערמאָנטע גְזֵירָה פון וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן, צו דערציִען אידישע קינדער אין לעבן-קאָך פון מִצְרַיִם, איז אויך מְרוּמָז אין דעם כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאוֹרָה תַּשְׁלִיכוּהוּ.

דער טײַך נִילוּס איז געווען די עֲבוֹדָה זָרָה פון מִצְרַיִם, צו וועמען די מִצְרִיִּים האָבן געדינט. די פּשוּט'ע סִיבָּה איז געווען, ווײַל נִילוּס איז געווען זייער קוואַל פון פַּרְנָסָה. אין מִצְרַיִם גייט ניט קיין רעגן און די פעלדער ווערן אָנגעטרונקען פון דעם טײַך נִילוּס.

און דאָס איז הַיְאוֹרָה תַּשְׁלִיכוּהוּ, וואָס באַדייט צוויי עִנְיָנִים: א) גָלוּת מִצְרַיִם בְּגַשְׁמִיּוּת - אָפּטויטן רַחֲמָנָא לִצְלַן דעם אידישן גוּף. ב) גָלוּת מִצְרַיִם בְּרוּחָנִיּוּת - אַרײַנוואַרפן זיי אין דער עֲבוֹדָה זָרָה און תַּעֲנוּג פון מִצְרַיִם - אָפּטויטן רַחֲמָנָא לִצְלַן זייער נְשָׁמָה. וואָרום יְאוֹר באַשטייט פון וואַסער וואָס דאָס איז דער עִנְיָן פון תַּעֲנוּג (ווײַל מַיִם מַצְמִיחִים כָּל מִינֵי תַּעֲנוּג[ו]).

5. See the Mitteler Rebbe’s *Derech Chayim,* ch. 1, which explains this concept using slightly different wording. See also *Rashi, Devarim* 23:9, “One who causes a person to sin harms him more severely than one who kills him.”

## To Swim against the River's Current

**3. The Egyptian exile is the root of all exiles.**[6] **From this, it is understood that** all **the decrees that existed in the Egyptian exile also exist in all other exiles, including the present exile, and in our generation as well.**

**Today, as well,** the spiritual counterpart of **Pharaoh, the king of Egypt – in other words, the ruling authority who determines the prevailing mentality and lifestyle of the land – demands that Jewish children be submerged in the river of the practices and norms of the** surrounding culture. **According to their understanding** – that the Nile River **provides sustenance – the children should be immersed and sunk in that river.**

Additionally, just as in the Egyptian exile, **Jewish children were pressed into the walls** of the cities **of Pithom and Ramses,**[7] today, Jewish children are being **inducted into those elements that form the fortress and the heartbeat of** contemporary culture.

**We must realize that all the claims** beginning with **"Come let us act cleverly with them"** are interpreted by our Sages as a challenge **to G-d.**[8] **They originate from Pharaoh, the king of Egypt, who desired that there not remain any surviving remnant of *Yiddishkeit*,** that nothing be left **of Jewish souls and, as a result,** nothing be left **of Jewish bodies.**

**As such, we must oppose these decrees with the greatest strength** we can muster **and educate our children in the spirit of their elder, Yisrael,** our patriarch Yaakov, i.e., in accordance with the long-standing Torah tradition.

ג. גָלוּת מִצְרַיִם אִיז אַ שֹׁרֶשׁ צוּ אַלֶע גָלוּת'ן[ו]. ווָאס פוּן דֶעם אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז דִי גְזֵירוֹת ווֶעלְכֶע זַיְינֶען גֶעוועֶן אִין גָלוּת מִצְרַיִם, זַיְינֶען פַארַאן אִין אַלֶע גָלְיוֹת, אוֹיךְ אִין אִיצְטִיקְן גָלוּת, אוּן אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער דוֹר.

אוֹיךְ הַיְינְט אִיז דָא דֶער פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם, דָאס הֵייסְט דִי בַּעַל־הַבַּתִּישְׁקַיְיט אוּן הַנְהָגָה פוּן דֶער לַאנְד, ווֶעלְכֶע טַעֲנֶה'ט, אַז מֶען זָאל אַרַיְינְוואַרְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין טַיְיךְ פוּן מִנְהֲגֵי וְנִמּוּסֵי הַמְּדִינָה, דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ טוּנְקֶען אוּן זַיְין דֶערְטְרוּנְקֶען אִין טַיְיךְ, ווָאס לוֹיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג גִיט דָאס דִי פַּרְנָסָה.

אוּן מֶען זָאל אַיְינְמוֹיעֶרְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין דִי ווֶענְט פוּן פִּיתֹם אוּן רַעַמְסֵס, דָאס הֵייסְט אַרַיְינְטָאן זֵיי אִין דִי עִנְיָנִים ווֶעלְכֶע זַיְינֶען דִי שְׁטַארְקַיְיט, אוּן דֶער הוֹיפְּט־קָאךְ פוּן דֶער מְדִינָה.

דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז דִי אַלֶע טַעֲנוֹת פוּן "הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ - לֵאלֹקֵיהֶם"[ח] קוּמֶען פוּן פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם, ווָאס ווִיל, עֶס זָאל נִיט בְּלַיְיבְּן קֵיין שָׂרִיד וּפָלִיט, רַחֲמָנָא לִצְלַן, פוּן אִידִישְׁקַיְיט, פוּן אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אוּן דוּרְךְ דֶעם אוֹיךְ פוּן אִידִישֶׁע גוּפִים.

וּבְמֵילָא, דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער שְׁטַארְקַיְיט אַנְטְקֶעגְן זַיְינֶע גְזֵירוֹת אוּן מְחַנֵּךְ זַיְין דִי קִינְדֶער בְּרוּחַ יִשְׂרָאֵל סָבָא.

6. ***Bereishis Rabbah*** **16:4; the *Arizal's Likkutei Torah, Parshas Ki Seitzei;*** **the *maamar* entitled *Kol Dodi,* 5709 (*Sefer HaMaamarim 5709,* p. 107).** See *Likkutei Sichos,* Vol. 16, p. 91.

7. See *Yalkut Shimoni, Shmos, remez* 176; *Pirkei D'Rabbi Eliezer,* ch. 48; *Sifsei Chachamim* on *Rashi, Shmos* 32:4, *et al.*

8. ***Shmos Rabbah*** **1:19;** ***Sotah*** **11a.**

## Life or a Living

**4. In practice, this means that when speaking about educating Jewish children, we need not – and we must not –** allow **them** to become **sunk in the Nile, the false deity of the land. We must not allow Jewish children to be drowned in the search for *tachlis*** – the attempt to assure that they be well established financially in their future lives. **The only path of life is a full-fledged education in our Torah, which is the Torah of life.**

**There is nothing** to be gained by **looking toward** – and imitating – **other parents whose children will grow up well-settled. This one will have a house, the other, a car. One will be a doctor, another a lawyer, and the least among them will polish shoes. However, if they send their child to *yeshivah,* he will grow up a *batlan,* useless,** not knowing what to do, **not even to polish shoes. He will not even know how to hold a brush in his hand.**

That is an entirely wrong approach. A parent **must know that G-d "sustains and provides for all."[9] If you do what He wants – "You shall teach them to your children and speak of them when you sit in your house, when you walk on the way, when you lie down and when you rise"[10] – He will do what you ask of Him, for yourself and for your children.**

**A child must be sent to a teacher who is himself alive –** his life coming **as a result of studying our Torah, which is a Torah of life, and** as a result of **observing its *mitzvos* of which it is said,[11] "He shall live by them."**

**This teacher will educate the children** to follow **the lifestyle of the Torah and its *mitzvos.* Specifically, in this way,** a parent **will save his**

**ד. לְפּוֹעֵל מֵיינְט דָאס:**

בְּשַׁעַת עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ וֶועגְן דֶערְצִיעֶן קִינְדֶער, דַארְף מֶען נִיט אוּן מֶען טָאר נִיט פַארְטְרִינְקֶען זֵיי אִין דֶעם נִילוּס - עֲבוֹדָה זָרָה פוּן לַאנְד. מֶען טָאר נִיט דֶערְטְרִינְקֶען רַחֲמָנָא לִצְלַן דִי קִינְדֶער אִין דֶעם "תַּכְלִית"-זוּכְן. דֶער אֵיינְצִיקֶער וֶועג צוּם לֶעבְּן אִיז דֶער פוּלְשְׁטֶענְדִיקֶער חִינוּךְ אִין אוּנְזֶער תּוֹרָה - תּוֹרַת חַיִּים.

עֶס אִיז נִיטָא וָואס צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶלְטֶערְן, וָואס זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיסְוואַקְסְן פַארְזָארְגְטֶע, דֶער וֶועט הָאבְּן אַ הוֹיז, דֶער אַ קַאר, דֶער וֶועט זַיְין אַ דָאקְטָאר, דֶער אַ לַאיֶער, אוּן דֶער וַויינִיקְסְטְנְס אַ שִׁיךְ-פּוּצֶער. אָבֶּער אַז זֵי וֶועט שִׁיקְן אִיר קִינְד אִין אַ יְשִׁיבָה, וֶועט עֶר זַיְין אַ בַּטְלָן, עֶר וֶועט נִיט קֶענֶען אֲפִילוּ פּוּצְן קֵיין שִׁיךְ, עֶר וֶועט גָאר נִיט וִויסְן וִוי מֶען הַאלְט אַ בֶּערְשְׁטְל אִין הַאנְט.

דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל, אוּן אַז מֶען וֶועט טָאן וָואס עֶר וִויל - וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ - וֶועט עֶר טָאן וָואס מֶען בֶּעט בַּיי אִים - פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף אָפְּגֶעבְּן דֶעם קִינְד צוּ אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז אַלֵיין אַ לֶעבֶּעדִיקֶער דוּרְךְ תּוֹרָתֵנוּ תּוֹרַת חַיִּים אוּן וָחַי בָּהֶם - אִין דִי מִצְוֹת פוּן תּוֹרָה, אוּן דֶער מְלַמֵּד זָאל אַזוֹי דֶערְצִיעֶן דִי קִינְדֶער אוֹיפְן לֶעבְּנְס-וֶועג פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אוּן דוּרְךְ דֶעם דַוְקָא, רַאטֶעוֶועט מֶען דִי אֵייגֶענֶע

9. The Grace after Meals.

10. *Devarim* 6:7, part of the *Shema* recited daily.

11. *Vayikra* 18:5.

**own children, and through them, the entire Jewish people.**

קִינְדֶער אוּן דוּרְךְ זֵיי אוֹיךְ דֶעם גַאנְצְן אִידִישְׁן פָאלְק.

## Egypt Is Not Forever

**5. As mentioned, the Egyptian exile is the source of all the exiles. Accordingly, the decrees that** Pharaoh imposed **then also exist now. The same** holds true **about the Future Redemption,** concerning which **it is written,**[12] **"As in the days of your exodus from Egypt, I will show [My people] wonders." The Future Redemption will resemble the Exodus from Egypt. This means that the preparations and the catalysts that bring about the redemption must also resemble those that brought about the redemption from Egypt.**

ה. אַזוֹי ווִי גָלוּת מִצְרַיִם אִיז דֶער שׁוֹרֶשׁ צוּ אַלֶע גָלִיוֹת, ווָאס דֶערְפַאר זַיְינֶען דִי גְזֵירוֹת ווָאס זַיְינֶען גֶעווֶען דַאן, פַּארַאן אוֹיךְ הַיְינְט, ווִי אוֹיבְּן־דֶערְמָאנְט, אַזוֹי אוֹיךְ ווֶעגְן דֶער גְאוּלָה שְׁטֵייט[יב], כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת. אַז דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה ווֶעט זַיְין עֶנְלֶעךְ צוּ גְאוּלַת מִצְרַיִם. דָאס הֵייסְט, אַז אוֹיךְ דִי הֲכָנוֹת אוּן עִנְיָנִים ווָאס בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה, דַארְפְן זַיְין עֶנְלֶעךְ צוּ דִי זֶעלְבֶּע עִנְיָנִים ווָאס הָאבְּן גֶעבְּרַאכְט גְאוּלַת מִצְרַיִם.

**Concerning the redemption from Egypt,** our Sages taught,[13] **"In the merit of the righteous women of that generation, our ancestors were redeemed from Egypt." What did these righteous women do? They raised a generation of** faithful **Jews. When Pharaoh decreed** that the Jewish children should be killed, **they argued**[14] **that** the Jews **should not reckon with Pharaoh's decree, "Every son who is born you shall cast into the river." Since G-d had commanded** the Jews to raise their children, **it is necessary to do what G-d commanded without reckoning what will be the ultimate result of doing so. Due to the reward** for the actions **of these righteous women, our ancestors were redeemed from Egypt.**

אוֹיף גְאוּלַת מִצְרַיִם שְׁטֵייט[יג], בִּשְׂכַר נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת שֶׁהָיוּ בְּאוֹתוֹ הַדּוֹר נִגְאֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם. ווָאס הָאבְּן גֶעטָאן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת? זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ דוֹר פוּן אִידְן. בִּשְׁעַת גְזֵירַת פַּרְעֹה, הָאבְּן זֵיי גֶע'טַעֲנֶה'ט[יד], אַז מֶען דַארְף זִיךְ נִיט רֶעכֶענֶען מִיט פַּרְעֹה'ס גְזֵירוֹת, פוּן כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאוֹרָה תַּשְׁלִיכוּהוּ, ווִיבַּאלְד אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, דַארְף מֶען טָאן ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, נִיט מַאכֶנְדִיק קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת ווָאס ווֶעט זַיְין דֶער תַּכְלִית פוּן דֶעם. וּבִשְׂכַר פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת זַיְינֶען אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעווָארְן פוּן מִצְרַיִם.

**Similarly, at present, in every country, and particularly in America, we need not pay attention to what excites** and motivates the people of **that country, nor calculate what will be the ultimate result. We must educate our children in the manner G-d commanded, and G-d will provide for the children – and also their parents.**

אַזוֹי אוֹיךְ אִיצְטֶער, בְּכָל מְדִינָה וּמְדִינָה, וּבִפְרַט אִין אַמֶערִיקֶע, דַארְף מֶען נִיט לֵייגְן קֵיין אַכְט אוֹיף דֶעם קָאךְ פוּן דֶער מְדִינָה, אוּן מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת ווָאס ווֶעט זַיְין דֶער תַּכְלִית וכו'. מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיְין דִי קִינְדֶער ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט פַארְזָארְגְן דִי קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ דִי עֶלְטֶערְן.

---

12. *Michah* 7:15.

13. *Sotah* 11b.

14. Ibid. 12a.

דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען רֶעכְנְט זִיךְ נִיט מִיט גְזֵירַת פַּרְעֹה, רַאטֶעוֶועט מֶען דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיךְ דִי גְאוּלָּה כְּלָלִית צוּם גַאנְצְן אִידִישְׁן פָאלְק, דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

(משיחות הגה״פ, תשי״ב, תשי״ד)

Specifically, by not paying attention to Pharaoh's decrees, we will save our own children and we will also bring about the encompassing redemption for the entire Jewish people, led by *Mashiach*, in the very near future.

---

א) זע שמות רבה פ״א, יח.

ב) דרך חיים פ״א (בשינוי לשון). זע אויך פירוש רש״י דברים כג, ט: ״המחטיא לאדם קשה לו מן ההורגו״.

ג) תניא פ״א.

ד) בראשית רבה פט״ז. לקוטי תורה להאריז״ל פרשת תצא. ד״ה קול דודי תש״ט (סה״מ תש״ט ע׳ 107).

ה) שמות רבה פ״א, ט. סוטה יא, א.

ו) מיכה ז, טו.

ז) סוטה יא, ב.

ח) שם יב, א.

# SHMOS II | שמות ב

Adapted from *sichos* delivered on the second night of Pesach, 5716 (1956)

## Introduction

At the *Seder*, there is an almost universal experience. When the participants reach the phrase, "'Our difficult labor'[1] – this refers to the children," all parents (some noticeably, some imperceptibly) sigh in recognition. Raising children is hard work. This concept also applies in a teacher-student relationship; there, too, toil is necessary to achieve the desired results.

Whether the children are naturally submissive to authority or headstrong, parents and teachers must invest effort in directing them toward proper goals. As the Rebbe comments in the *sichah* that follows, the *Hagadah* does not provide a prooftext for this concept because it is self-evident. No proof is needed; every parent recognizes this reality. Moreover, this responsibility extends beyond the family and classroom: Every Jew has an obligation to educate and influence others, and must labor to achieve this goal.

1. *Devarim* 26:7.

# The Key to Jewish Life

## No Need for Proof

**1. The verse,**[1] **"Every son** who is born you shall cast into the river, and every daughter **you shall see to it that she lives,"** is cited **in the *Hagadah,*** as that text **states, "'Our difficult labor'**[2] **– this refers to the children, as it is written, "Every son** who is born you shall cast into the river, and every daughter **you shall see to it that she lives."**

**The prooftext for "our difficult labor"** differs from **the other prooftexts** cited in the *Hagadah* **because there is no** explicit **proof for this concept from the verse cited. The prooftext speaks only about the general concept: that** the Jews faced **hardships regarding their children. However,** the *Hagadah* **does not bring a prooftext that** raising **children** constitutes **hard labor.**

**The fact that** the *Hagadah* **does not bring a prooftext** for this concept indicates that **this point is self-evident – and since it is self-evident, no verse is needed as proof.**

א. אוֹיפְן פָּסוּק כָּל הַבֵּן גו׳ תְּחַיּוּן, שְׁטֵייט אִין הַגָּדָה, וְאֶת עֲמָלֵנוּ אֵלּוּ הַבָּנִים שֶׁנֶּאֱמַר כָּל הַבֵּן גו׳ תְּחַיּוּן.

דִי רְאָיָה "שֶׁנֶּאֱמַר" אִיז נִיט אַז עֲמָלֵנוּ גֵייט אוֹיף בָּנִים (עַל דֶּרֶךְ ווִי דִי "כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר'ס" בַּיי דִי אַנְדֶערֶע לִימּוּדִים), וָוארוּם אוֹיף דֶעם אִיז נִיטָא קֵיין רְאָיָה פוּן דֶעם פָּסוּק. דִי רְאָיָה אִיז אִין אַלְגֶעמֵיין, אַז סְ׳אִיז גֶעוָוען אַ צָרָה וֶועגְן בָּנִים. אָבֶּער אוֹיף דֶעם אַז בָּנִים אִיז אַן עָמָל - בְּרֶענְגְט עֶר נִיט קֵיין רְאָיָה.

אוּן ווִיבַּאלְד עֶר בְּרֶענְגְט נִיט אוֹיף דֶעם קֵיין רְאָיוֹת, אִיז מַשְׁמַע אַז דָאס אִיז אַ דָבָר פָּשׁוּט, אוּן ווִיבַּאלְד אַז דָאס אִיז אַ דָבָר פָּשׁוּט, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם נִיט הָאבְּן קֵיין לִימּוּד פוּן אַ פָּסוּק.

## Hard Work and Its Fruits

**2. This teaches us that for children** to grow up **as they should – and the same is true about students, for they are** also **called children**[3] **– requires much work.** Parents and teachers **must labor** to achieve **this.**

**When** a parent **has children who are dis-**

ב. דָאס לֶערְנְט אוּנְז:

בִּכְדֵי אַז קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ תַּלְמִידִים (וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן בָּנִים - כִּדְרָשַׁת הַסִּפְרִי[ט]) זָאלְן זַיְין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיְין, מוּז זַיְין עָמָל, מֶען מוּז אוֹיף דֶעם הָארֶעווֶען.

וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעהָארְכְזַאמֶע קִינְדֶער, וֶוען אֵיינֶער הָאט אַ הַשְׁפָּעָה

1. *Shmos* 1:22.

2. *Devarim* 26:7.

**3.** The *Sifri's* interpretation of **the verse (*Devarim* 6:7), "You shall teach them to the children."**

**ciplined – or when** a teacher **has influence over his students to the extent that one word is enough – he should not think that he has fulfilled his** responsibility. **Even in such an instance, he must invest effort in their education.** And the **labor** must be **so intense that the Torah calls it "labor."**

**When there are children** whose parents and teachers **have toiled diligently for them, there is no need to be** intimidated **by** Pharaoh's **decree, "Every son who is born you shall cast into the river…."** **We survived that decree** and will continue to do so. **Furthermore,** like in Egypt, **"they" – the children who were born and educated at the time of the decree –** will **"recognize G-d first."**[4] **They were the first to recognize G-d at** the splitting of **the Sea of Reeds. It was not Moshe, Aharon, Aharon's sons, the elders, or the entire generation who** were born and raised **before** the intensity of **the servitude. Instead, it was the Jewish children who were raised with self-sacrifice. Specifically, they were the ones who recognized G-d first. And** they did so, **in a manner** that they proclaimed,[5] **"This is my G-d and I will glorify Him."** They could **point with their finger, as it were,** and say, **"This is my G-d."**[6]

אויף זַיְינֶע תַּלְמִידִים אַז אֵיין וָואְרט וָואס עֶר זָאגְט זֵיי אִיז שׁוֹין גֶענוּג, זָאל עֶר נִיט מֵיינֶען אַז דֶערְמִיט הָאט עֶר יוֹצֵא גֶעוֶועזְן זַיְין אַרְבֶּעט. אוֹיךְ אִין דֶעם פַּאל - מוּז מֶען הָארֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶר חִינוּךְ.

עֲמָלֵנוּ - אַזַא הָארֶעוָואַנְיֶע, וָואס תּוֹרָה זָאל דֶערוֹיף זָאגְן אַז דָאס הֵייסְט גֶעהָארֶעוֶועט.

און בְּשַׁעַת עֶס זַיְינֶען פַּארַאן דִי "עֲמָלֵנוּ־בָּנִים", אִיז נִיטָא וָואס נִתְפָּעֵל צוּ וֶוערְן פוּן דֶער גְזֵירָה, כָּל הַבֵּן הַיִּלוֹד הַיְאוֹרָה תַּשְׁלִיכוּהוּ. מֶען גֵייט דוּרְךְ דִי גְזֵירָה, און נָאךְ מֶערֶער, אַז הֵם - דִי קִינְדֶער וָואס זַיְינֶען גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן און זִיךְ גֶעהָאדֶעוֶועט בְּשַׁעַת הַגְּזֵירָה - הִכִּירוּהוּ תְּחִלָּה׳. זֵיי זַיְינֶען גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְכֶע הָאבְּן דֶערְקֶענְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּיְים יַם סוּף. נִיט מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, נִיט בְּנֵי אַהֲרֹן, נִיט דִי זְקֵנִים און נִיט דֶער גַאנְצֶער דוֹר פוּן פַאְרן שִׁעְבּוּד, נָאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעהָאדֶעוֶועט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זֵיי דַוְקָא הִכִּירוּהוּ תְּחִלָּה, און אִין אַן אוֹפֶן פוּן זֶה, זֶה אֵ־לִי וְאַנְוֵהוּ, אָנְגֶעוִויזְן מִיטְן פִינְגֶער, כִּבְיָכוֹל.

## To Make Another Jew

**3. This directive does not apply only to parents regarding their children and educators regarding their students but to all Jews.** There **is a Scriptural** ***mitzvah*****, "You shall surely admonish your fellow,"**[7] which obligates us to guide our fellow Jews in religious observance, **and** there **is a Scriptural** ***mitzvah*****,**[8] **"Be fruitful and multiply,"**[9] which means to make another

ג. דִי הוֹרָאָה אִיז נִיט נָאר צוּ עֶלְטֶערְן וֶועגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער און צוּ מְחַנְּכִים וֶועגְן זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, נָאר דָאס אִיז אַ הוֹרָאָה צוּ יֶעדְן אִידְן, וָוארוּם הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ אִיז אַ מִצְוָה מִן הַתּוֹרָה, און פְּרוּ וּרְבוּ אִיז אַ מִצְוָה מִן הַתּוֹרָה, און דֶערְצוּ

4. ***Sotah*** **11b.**

5. *Shmos* 15:2.

6. *Shmos Rabbah,* the end of sec. 23.

7. *Vayikra* 19:17. See *Rambam, Hilchos De'os* 6:7, *Sefer HaMitzvos* (positive commandment 205) and *Sefer HaChinuch* (*mitzvah* 239).

8. *Sefer HaMitzvos* (positive commandment 212) and *Sefer HaChinuch* (*mitzvah* 1) include this command as one of the Torah's 613 *mitzvos.*

נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה, וָואס פְּרוּ וּרְבוּ מֵיינְט נִיט נָאר אִין גַשְׁמִיּוּת נָאר אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת.

אִין דֶעם, וָואס דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דֶער תּוֹרָה אִיז פְּרוּ וּרְבוּ, אִיז פַּארַאן אַ וָוארְט פוּן אַלְטְן רֶבִּי'נְס חֲסִידִים, אוּן לוֹיט אַ צְוֵוייטְן נוּסַח - פוּן אַלְטְן רֶבִּי'ן אַלֵיין, אוּן דֶער אִינְהַאלְט פוּנֶעם וָוארְט אִיז: אַז דֶער סֵדֶר פוּן תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ תּוֹרָה - דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד אִין תּוֹרָה, אוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד אִין דֶעם לֶעבְּן פוּן אַ אִידְן אִיז, אַז "אֵיין אִיד דַארְף מַאכְן נָאךְ אַ אִידְן".

זָאגְט מֶען צוּ יֶעדְן אִידְן, אַז עֶר אִיז מְחוּיָּב צוּ הָארֶעוֶועןְ אִין מַאכְן נָאךְ אַ אִידְן בִּכְלַל אוּן אִין חִינּוּךְ הַכָּשֵׁר בִּפְרַט.

(משיחת ליל ב' דהגה"פ תשט"ז)

Jew **not only in the physical sense but also in a spiritual sense.[10] Indeed, it is the first *mitzvah* of the Torah.**

**There was an adage from the chassidim of the Alter Rebbe[11] – according to certain sources, from the Alter Rebbe himself – "The order of the Torah is also Torah." The first *mitzvah* of the Torah is "Be fruitful and multiply."** In other words: **The initial foundation of the Torah and the initial foundation of the life of a Jew is: One Jew must make another Jew.**

**Every Jew is told: You are obligated to labor to make another Jew in general and to labor in the field of kosher education in particular.**

---

9. *Bereishis* 1:28.

10. Making another Jew in a spiritual sense means influencing him to keep the Torah and its *mitzvos*.

11. See *Sefer HaSichos 5691*, p. 262, and the sources cited there.

---

ט) אויפן פסוק ושננתם לבניך, דברים ו, ז.

י) סוטה יא, ב.

# SHMOS III | שמות ג

Adapted from *sichos* delivered on *Shushan Purim,* 5714 (1954)

## Introduction

A seed planted improperly or a young sapling damaged in its first days of growth will yield stunted fruit – or none at all. In a similar way, the Torah recognizes that the foundation laid in a child's earliest years shapes the entire trajectory of his or her life. A crack in that foundation cannot be easily repaired later.

This is why Jewish leaders throughout history have placed paramount emphasis on the education of very young children. Indeed, the enemies of our people recognize the same truth. Quite often their efforts to stamp out the Jewish people targeted specifically the education of young children, forbidding training children before they reached intellectual maturity. Our Sages understood that this was not merely one restrictive decree among many – it constituted an existential threat.

As the Rebbe notes in the following *sichah*, when a fire rages, we don't convene meetings to discuss strategy. Every person acts immediately to extinguish the flames. The battle for Torah education in early childhood carries that same urgency. The fire is burning, and the youngest seedlings are most vulnerable to its destructive power.

# When Our People's Future is at Stake

## On What Everything Depends

**1. As mentioned previously,**[1] **young children** beginning their **Torah studies are the foundation of the Jewish people.** Similarly, **the Talmud**[2] highlights **the advantage of educating specifically young children,** stating: **"Remember that man favorably; Yehoshua ben Gamla was his name."**

**What did Yehoshua ben Gamla do?** From **a much earlier time** onward, **the common practice was that** when a child **had a father, his father would study with him. One who did not have a father did not study.** Then the Sages **ordained that there would be teachers of young children in Jerusalem. Afterwards,** the Sages **ordained that there be teachers in every region, and they would study with everyone,** beginning **at the age of sixteen or seventeen.** However, the Sages saw that starting formal study at such a late age created difficulties. **Yehoshua ben Gamla ordained that everywhere, in every area and every city,** teachers would be hired **to study with children from age five**[3] **or six and onward, without cost. Because of this ordinance,** it is said that **he** should be **"remembered favorably" for all generations.**

**When the members of the Yevsektzia**[4] **Bolsheviks forbade Torah study, they did not**

א. מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדט, אַז תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידְן.

וועגן דֶער מַעֲלָה פוּן לֶערְנֶען מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַוְקָא, גֶעפִינֶען מִיר אִין גְמָרָא[א]: בְּרַם זָכוּר אוֹתוֹ הָאִישׁ לְטוֹב וִיהוֹשֻׁעַ בֶּן גַמְלָא שְׁמוֹ.

וָואס הָאט אוֹיפְגֶעטָאן יְהוֹשֻׁעַ בֶּן גַמְלָא?

גָאר פְרִיעֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט אַ פָאטֶער הָאט עֶר מִיט אִים גֶעלֶערְנְט, אוּן וֶוער עֶס הָאט נִיט גֶעהַאט קֵיין פָאטֶער, הָאט עֶר נִיט גֶעלֶערְנְט. הָאט מֶען מְתַקֵן גֶעוֶוען, אַז עֶס זָאלְן זַיְין מְלַמְדֵי תִינוֹקוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען מְתַקֵן גֶעוֶוען עֶס זָאלְן זַיְין מְלַמְדֵי תִינוֹקוֹת אִין יֶעדְן פֶּלֶךְ, אוּן מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט אַלֶעמֶען, אִין עֶלְטֶער פוּן זֶעכְצְן־זִיבֶּעצְן יָאר. בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען יְהוֹשֻׁעַ בֶּן גַמְלָא אוּן הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען אַז אוּמֶעטוּם, אִין יֶעדֶער מְדִינָה אוּן אִין יֶעדֶער שְׁטָאט זָאל מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּחִנָם, מִיט קִינְדֶער פוּן פִינְף־זֶעקְס יָאר אַלְט אוּן וַוייְטֶער[ב]. אוּן צוּלִיב דֶער תַּקָנָה אִיז עֶר זָכוּר לַטוֹב אִין אַלֶע דוֹרוֹת.

בְּשַׁעַת דִי יֶעווְסֶעקֶעס־בָּאלְשֶׁעוִויקֶעס הָאבְּן פַארְבָּאטְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, הָאבְּן

1. See the first *sichah* in this publication, p. 7, *et al.*

**2.** ***Bava Basra*** **21a.**

**3. See** ***Tosafos, Bava Basra,*** **loc. cit., s.v.** ***bebatzir,*** which implies that "at the age of five…" means "after he completes his fifth year."

4. The Jewish Section of the Soviet Communist Party, notorious for its aggressive campaign against Jewish religious practice and Torah education in the 1920s and 1930s.

**prohibit all Torah study. They claimed that when a child would grow older and become intellectually mature,** the choice should be given to him. If he **would choose to study, it would be permissible to study with him. Their prohibition involved specifically studying with young children. And it was** this prohibition **that** the Rebbe Rayatz **opposed with the greatest strength and self-sacrifice, since the entire existence of the Jewish people depends on the education of the children** from their early **years.**

**Today, as well, we must insist with the greatest strength that the education of** our **children from the youngest ages must be in keeping with** our **perfect Torah, without compromise. The entire existence of the Jewish people hinges on this.**

זיי ניט פַארְבָּאטְן דֶעם לֶערְנֶען לְגַמְרֵי. זיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנֶה'ט אַז ווֶען דֶער קִינְד ווֶעט ווֶערְן עֶלְטֶער, אַ בַּר דַּעַת, און ווֶעט אוֹיסְקְלַייבְּן צוּ לֶערְנֶען, קֶען מֶען מִיט אִים לֶערְנֶען. זֵייעֶר פַארְבָּאט אִיז בַּאשְׁטַאנֶען נָאר אוֹיף דֶעם לֶערְנֶען מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער. און אוֹיף דֶעם הָאט מֶען זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִיטְן גְרֶעסְטְן תּוֹקֶף און מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווַייל דֶער גַאנְצֶער קִיּוּם פוּן אִידְן, אִיז אָפְּהֶענְגִיק אִין דֶעם חִינּוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער־יָארְן דַּוְקָא.

אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְט דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן מִיטְן שְׁטַארְקְסְטְן תּוֹקֶף, אַז דֶער חִינּוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינְווַייז אָן זָאל זַיְין עַל פִּי תּוֹרָה תְּמִימָה, אָן קֵיינֶע פְּשָׁרוֹת, ווַייל אִין דֶעם אִיז אָפְּהֶענְגִיק דֶער גַאנְצֶער קִיּוּם פוּן אִידְן.

## When Every Moment is Critical

**2. Due to the** supreme **importance of** the Torah study of **very young children, every** Jew **who can act and help in this** endeavor **must toil with money, with physical** exertion, **and with spiritual** efforts **to increase kosher** Jewish **education,** in keeping with the statement found in the *Hagadah:* "'**Our** difficult **labor**' – this refers to the children."[5]

**There are people who make calculations that it is not befitting for them** to be involved in education; **they should be occupied with loftier matters. Teaching a child** ***alef-beis,*** they feel, **can be done by simpler people.** Urging people to give **money for a school or a** ***yeshivah*** **is relevant for a fundraiser, not for him, and so on.** Such a person must **be told that such calculations are appropriate for ordinary times.** However, **when a fire is raging, Heaven forbid, meetings are not held to consider who should be the one to extinguish the fire. Every person must act and do what he can to put out the fire.**

ב. צוּלִיבּ דֶער גְרוֹיסֶער ווִיכְטִיקַייט פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער ווָאס קֶען טָאן און הֶעלְפְן אִין דֶעם, דַארְף עֶר הָארֶעווֶען (כַּנַּ"ל בְּעִנְיַן עֲמָלֵנוּ) מִיט זַיְין גֶעלְט, מִיט זַיְין גוּף און נֶפֶשׁ, צוּ פַארְגְרֶעסֶערְן דֶעם חִינּוּךְ הַכָּשֵׁר.

פַארַאן ווָאס מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת, אַז דָאס אִיז נִיט פַאר זַיְין כָּבוֹד. עֶר דַארְף טָאן אַ הֶעכֶערְן עִנְיָן. לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אַלֶף בֵּית, קֶען אַ פָּשׁוּט'עֶרֶער. רֵיידְן ווֶעגְן גֶעלְט אוֹיף אַ חֵדֶר און אַ יְשִׁיבָה אִיז שַׁיָּיךְ צוּ אַ מְשׁוּלָּח נִיט צוּ אִים און אַזוֹי ווַיְיטֶער. - זָאגְט מֶען אִים, אַז דָאס אִיז אַ חֶשְׁבּוֹן אִין נָארְמַאלֶע צַייטְן. בְּשַׁעַת אַ שְׂרֵיפָה רַחֲמָנָא לִצְּלַן, מַאכְט מֶען נִיט קֵיין אֲסִיפוֹת ווֶער עֶס זָאל לֶעשְׁן דִי שְׂרֵיפָה, נָאר יֶעדֶערֶער טוּט. יֶעדֶערֶער מוּז טָאן ווָאס עֶר קֶען אוֹיף לֶעשְׁן דִי שְׂרֵיפָה.

---

5. See the previous *sichah.*

פַּאראן וואָס טַעֲנֶה׳ן, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶענוּג גֶעהָארֶעוועֶט אוֹיף חִינוּךְ הַכָּשֵׁר, אִיצְטֶער זָאל טָאן אַן אַנְדֶערֶער. זָאגְט מֶען אִים, אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, אַ מֶענְטשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיק הָארֶעוועֶן.

בִּכְדֵי צוּ בַּארֶעכְטִיקְן דִי יִסוּרֵי הַנְּשָׁמָה וואָס זִי הָאט שְׁטֶענְדִיק עַל יְדֵי יְרִידָתָהּ בַּגּוּף[יג], דַארְף עֶר שְׁטֶענְדִיק הָארֶעוועֶן, וואָרוּם דִי וַוייִלֶע וואָס עֶר הָארֶעוועֶט נִיט, זַיינֶען דָאךְ דִי יִסוּרֵי הַנְּשָׁמָה אוּמְזִיסְטֶע.

אוּן אַזוֹי ווִי דָאס דַארְף זַיין מִיט זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי דַארְף דָאס אוֹיךְ זַיין[יד] מִיטְן צְווֵייטְן, וּבִפְרַט בְּעִנְיַן הַחִינוּךְ: מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיק הָארֶעוועֶן אִין דֶעם.

(משיחת שושן פורים, תשי״ד)

**There are some who claim that they have already** devoted **sufficient labor on behalf of Torah education, and now** is the time for **others to act.** To such a person, it **should be said, "Man was born to work."**[6] **Continually, a person must toil.**

**The soul suffers** greatly **because** it was compelled to **descend** from a pure, spiritual existence in the higher realms and become enclothed **in the body.**[7] That **ongoing** suffering **is justified** only because of the value of the soul's Divine service and **continuous labor.** Otherwise, **in the time that the soul does not labor, its suffering is pointless.**

**Just as this applies to a person's own** Divine service, **so too, does it apply**[8] **to** his efforts with **others, in particular, regarding education: One must continually labor in this** field.

6. *Iyov* 5:7.

7. **See the letter printed** in *Likkutei Sichos,* Vol. 5, p. 434ff., the Rebbe's *Igros Kodesh,* Vol. 8, p. 48ff.

8. **Note** ***Bava Basra*** **8b,** which quotes a renowned educator as saying, "**It has been thirteen years** that I have not seen [my garden] and even now my attention is focused on my students."

יא) בבא בתרא כא, א.

יב) זע דארטן תוספות ד״ה בבציר.

יג) ראה מכתב הנדפס בסוף המאמר ד״ה באתי לגני תשי״ג (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ לח ואילך).

יד) להעיר מבבא בתרא ח, ב: הא תליסר שנין כו׳.

# SHMOS IV | שמות ד

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Va'eira,* 5711 (1951)

## Introduction

Every meaningful achievement requires preparation. An athlete trains for years before competing at the highest levels. A musician practices countless hours before performing a masterpiece. We understand intuitively that growth demands effort, that elevation requires a foundation.

The Jewish people's spiritual journey follows a similar pattern. Our ancestors' Exodus from Egypt led to the revelation at Mount Sinai – the greatest Divine revelation in history. But between slavery and Sinai lay the refining crucible of Egyptian exile. That period of challenge transformed a collection of families into a nation capable of receiving the Torah.

We are living now in another period of preparation. The revelations that will accompany the coming of *Mashiach* will surpass even what our ancestors experienced at Sinai. Such a gift requires a people ready to receive it. The present exile serves that purpose – it refines us and prepares us to receive the ultimate revelation.

Yet here the Rebbe offers a crucial insight: The refinement we need does not necessarily demand physical suffering. The labor that shapes us need not be the labor of material hardship or persecution. There is another path – the profound exertion of immersing ourselves in Torah study, of wrestling with complex ideas, of compelling ourselves to spiritual growth even when our natural inclinations resist.

In other words, we have a choice. We can allow the difficulties of material existence – the stress of earning a livelihood, the anxiety of worldly concerns – to refine us through their harsh demands. Or we can channel that same intensity of effort into the spiritual realm, allowing Torah study and Divine service to accomplish the work of refinement. The choice is ours.

# The Choice is Ours: Physical Toil or Spiritual Struggle

## What Led to the Redemption from Egypt

**1. The conclusion of this week's Torah reading relates that Moshe questioned G-d**[1] – after he obeyed G-d's command to confront Pharaoh, only to have Pharaoh increase the hardship of the Jewish slaves – **"Why have You harmed this people?" G-d answered him,** "Now, you will see what I will do to Pharaoh…." He then continued (**at the beginning of *Parshas VaEira*),**[2] **"I am G-d. I appeared… via [the names] *E-l Shaddai* ("the Almighty and the Omnipotent") but My name *Havayah,***[3] **I did not make known to them…. You shall know that I am *Havayah*."**

**In *Torah Or,***[4] the Alter Rebbe **clarifies** this exchange, explaining that G-d's name *Havayah* is far loftier than His other names. Although **the name *Havayah* was not revealed to the Patriarchs, it was revealed at the Giving of the Torah. The Egyptian exile** – which prompted Moshe's question, "Why **have You harmed this people**" – served as **a necessary preparatory stage to make possible the revelation** implied by: **"You shall know that I am *Havayah*."**

**In that source,** the Alter Rebbe **concludes that this is also the reason for the length of this final exile.** This extended exile **prepares** us **for the** even greater **revelations of the Ultimate Future.**

א. אִין סִיּוּם פוּן הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה שְׁטֵייט, אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיי דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, לָמָּה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט (בְּהַתְחָלַת פַּרְשַׁת וָאֵרָא): אֲנִי הֲוָיָ׳, וָאֵרָא גו׳ בְּאֵ־ל שַׁדָּי וּשְׁמִי הֲוָיָ׳ לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם גו׳ וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי הֲוָיָ׳.

ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין תּוֹרָה אוֹר[טו], אַז בַּיי מַתַּן תּוֹרָה אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעווָארְן דֶער שֵׁם הֲוָיָ׳ (ווָאס צוּ דִי אָבוֹת אִיז עֶר נִיט נִתְגַּלֶּה גֶעווָארְן), וּבִכְדֵי עֶס זָאל קֶענֶען זַיְין דֶער גִילוּי - וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי הֲוָיָ׳ - הָאט מֶען גֶעמוּזְט הָאבְּן דִי הֲכָנָה פוּן גָלוּת מִצְרַיִם - הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה.

אוּן עֶר פִירְט דָארְטְן אוֹיס, אַז דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם אוֹיף אֲרִיכוּת גָלוּת הָאַחֲרוֹן, ווָאס דָאס אִיז אַ הֲכָנָה צוּ דִי גִילוּיִים פוּן לֶעָתִיד.

## A Question That Remains Valid

**2. Every concept in the Torah is true and eternal. As such, when a question is raised in the Torah, even**

ב. יֶעדֶער עִנְיָן אִין תּוֹרָה אִיז אַן אֱמֶת׳עֶר אוּן אַן אֵייבִּיקֶער. פוּן דֶעם אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז אַ

---

1. *Shmos* 5:22.

2. Ibid. 6:2-7.

3. The name *Havayah* refers to G-d's name, י-ה-ו-ה, which, because of its great holiness, is not pronounced in the ordinary manner.

4. *Torah Or,* **p. 56d.**

**though an answer has been given, there is still room for the question.**

For example, **at a Shavuos *farbrengen*, my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz[5], **once spoke about the question raised in chassidic thought:[6] Why was the celebration of Simchas Torah not ordained on the festival of Shavuos, the season of the Giving of the Torah? Since that question is raised by Torah** authorities, **even though there is an answer, there is still room to say that Simchas Torah should be celebrated on Shavuos.**

**Similarly, regarding the matter at hand:**

**Since the Torah mentions the question, "Why have You harmed** this people?", **the question remains** forever. **Even after the answer, "I appeared…,"** was given, **there is still validity for the complaint, "Why have You harmed** this people?"

קַשְׁיָא אִין תּוֹרָה, כָאטשׁ סְ'אִיז דָא אוֹיף אִיר אַ תִּירוּץ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בְּלַײְבְּט נָאךְ אַלְץ אַן אָרְט אוֹיף דֶער קַשְׁיָא.

- ווִי כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אִין אַ שָׁבוּעוֹת'דִיקֶער הִתְוַעֲדוּת, ווֶעגְן דֶער קַשְׁיָא ווָאס שְׁטֵייט אִין תּוֹרַת הַחֲסִידוּת, פַארְווָאס הָאט מֶען נִיט קוֹבֵעַ גֶעווֶען שִׂמְחַת תּוֹרָה אוּם שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, אַז ווִיבַּאלְד דִי קַשְׁיָא שְׁטֵייט אִין תּוֹרָה, אִיז הֲגַם עֶס אִיז פַארַאן אוֹיף אִיר אַ תִּירוּץ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז נָאךְ אַלְץ פַארַאן אַן אָרְט צוּ זָאגְן אַז שִׂמְחַת תּוֹרָה זָאל זַײן שָׁבוּעוֹת -

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דָא: ווִיבַּאלְד אַז דִי קַשְׁיָא לָמָּה הֲרֵעֹתָ שְׁטֵייט אִין תּוֹרָה, אִיז אוֹיךְ נָאכְן תִּירוּץ פוּן וָאֵרָא גו', הָאט נָאךְ אַלְץ אַן אָרְט דִי טַעֲנָה, לָמָּה הֲרֵעֹתָה.

## Physical or Spiritual Labor?

**3. One of the reasons why** there is still room for this question **is** that **although the subjugation** endured **in exile is a necessary preparatory stage for the revelations of the Ultimate Future,** there is no need for **it** to be manifest in severe physical hardship. Physical subjugation **can be exchanged for subjugation of a spiritual** nature. **As clarified in *Torah Or,*[7]** there exist **spiritual counterparts to all the particular elements of the subjugation** in Egypt outlined in the verse,[8] **"They embittered their lives with harsh labor, with mortar and bricks, and with every kind of work in the field":[9]**

**"They embittered their lives" – this refers to the Torah, for it is our *life*;[10]**

ג. אֵיינֶער פוּן דִי טַעֲמִים אוֹיף דֶעם אִיז: הֲגַם מֶען דַארְף טַאקֶע הָאבְּן דֶעם שִׁעְבּוּד הַגָּלוּת ווַײל דָאס אִיז אַ הֲכָנָה צוּ דִי גִילּוּיִים דִּלֶעָתִיד, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, קֶען מֶען דָאךְ דָאס אָבֶּער אוּמְבַּײְטְן אוֹיפְן גַײסְטִיקְן שִׁעְבּוּד.

ווִי עֶר דֶערְקְלֶערְט אִין תּוֹרָה אוֹר[טז] דִי אַלֶע פְּרָטֵי הַשִּׁעְבּוּד פוּן וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבוֹדָה קָשָׁה בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים וּבְכָל עֲבוֹדָה בַּשָּׂדֶה - אִין רוּחְנִיּוּת: "וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם הִיא הַתּוֹרָה כִּי הִיא

5. *Sefer HaSichos 5702,* p. 125.

6. See *Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 1, p. 249, *et al.*

7. Ibid., **p. 49a.**

8. *Shmos* 1:14.

9. See *Zohar*, Vol. I, p. 27a; Vol. III, p. 153a (in the *Raaya Mehemna*)., *et al.*

10. The blessing *Ahavas Olam* in the Evening Service.

**"with harsh labor"** (*avodah kasheh*) **– this refers to a *kushia*,** a question or a logical objection raised in the course of a Talmudic debate;

**"with mortar"** (*bechomer*) **– this refers to a *kal vachomer*,** an *a fortiori* inference;

**"and with every kind of work in the field" – this refers to** the study of **the *Beraisa*,** the body of laws that were left *outside* the canon of the Mishnah and thus relate to "the field";

**"and with bricks"** (*leveinim*) **– this refers to the clarification of the law** (in Aramaic, ***libun hilchesa***).

**Consult the extensive** explanations **in that source.** In other words, our labor in Torah study can produce a refinement similar to that produced by the arduous physical labor in Egypt. Thus, we have a choice whether to undergo that refinement through toil in Torah study or through physical hardship.

חַיְינוּ, בַּעֲבוֹדָה קָשָׁה דָּא קוּשְׁיָא, בְּחֹמֶר דָּא קַל וָחֹמֶר, וּבְכָל עֲבוֹדָה בַּשָּׂדֶה דָּא בְּרַיְתָא, וּבִלְבֵנִים דָּא לִבּוּן הִלְכְתָא", עַיֵּן שָׁם בַּאֲרִיכוּת.

## The Toil of Unceasing Thought

**4. Just as** the subjugation in **exile can be exchanged for spiritual subjugation, so too, the labor and stress of** earning **a livelihood – which is the primary dimension of exile**[11] **– can be exchanged for labor and stress in Torah study.**

**The fundamental aspect of stress in** earning **a livelihood is** encapsulated in the phrase,[12] **"There are many thoughts in a man's heart."** In other words, we are constantly thinking of different options, shifting from one to another, **to the extent that we are left in a quandary what to do.** This mental exertion **can be exchanged for labor and stress in Torah study.** The person **should toil in Torah study until conflicting ways of understanding arise;** he should then continue his immersion in the subject which will inevitably lead to a situation where he is torn between the conflicting ideas **without being**

ד. אַזוֹי ווִי דֶעם עִנְיַן הַגָּלוּת כִּפְשׁוּטוֹ קֶען מֶען אוּמְבַּיְיטְן אוֹיף דִי עִנְיָנִים בְּרוּחְנִיּוּת, אַזוֹי אוֹיךְ יְגִיעַת וְטִרְדַּת הַפַּרְנָסָה (וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקַר הַגָּלוּת[יז]) קֶען מֶען אוּמְבַּיְיטְן אוֹיף יְגִיעָה וְטִרְדָּא אִין תּוֹרָה.

דֶער עִיקָר פוּן טִרְדַּת הַפַּרְנָסָה אִיז דָאךְ דֶער רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ[יח], בִּיז אַז עֶר ווֵייס נִיט ווִי צוּ טָאן - קֶען מֶען דָאס אוּמְבַּיְיטְן אוֹיף יְגִיעָה וְטִרְדָּא אִין תּוֹרָה. עֶר זָאל זִיךְ מְיַגֵּעַ זַיְין אִין תּוֹרָה, בִּיז אַז בַּיי אִים ווֶעט ווֶערְן אַ סְבָרָא לְכַאן אוּן אַ סְבָרָא לְכַאן, אוּן עֶר ווֶעט נִיט קֶענֶען מַכְרִיעַ זַיְין,

11. *Torah Or*, p. 8d.

12. Cf. *Mishlei* 19:21; beginning of **the series of *maamarim* entitled *Mayim Rabbim*, 5636.**

**able to reach an authoritative conclusion.** Such a process **is very tiring and disconcerting.**

Rav Yosef Rosen, **the Rogatchover *Gaon,* once said that *Shabbos* is the most difficult day of the week for him. During the middle of the week, whenever the crosscurrents within the flow of his intellectual creativity** threatened to overwhelm him, **he found a solution.** He was able to channel and control its prolific power by **writing.** Putting his thoughts into **written letters limited the flow of ideas and made it easier for him to decide** between conflicting arguments. On ***Shabbos,* without such an option, he had to toil intensely until he could make** such **a decision.**

**Similarly, it is related**[13] **that,** although the *shul* **was very silent, in the course of delivering a *maamar* of *Chassidus*, the Mitteler Rebbe would sometimes quietly say, *"Sha… sha…!"* The Rebbe Rashab explained that** he was speaking to himself, trying **to still the** restless **flow of** creative thought within **his own mind.**

**On the surface,** one might ask: **Why must one still the** creative **thought of his mind?**

**Based on the above, we can understand that when there is** an ongoing **flow of** creative **thought** in one's mind, **it is difficult to stop and reach a definitive resolution.** After arriving at a tentative resolution, the person **immediately gains a deeper insight** into the idea, **which leads to an opposite conception.** This is reflected in a **phrase that recurrently appears in the Mitteler Rebbe's *maamarim,* "contrary to what was explained previously."**

וָואס דָאס אִיז מְיַגֵעַ וּמַטְרִיד בְּיוֹתֵר.

- דֶער רָאגַאטשָׁאווֶער גָאוֹן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, אַז דֶער שְׁווֶערְסְטֶער טָאג פוּן וָואך אִיז בַּיי אִים שַׁבָּת. אִינְמִיטְן וָואך, וֶוען עֶס וֶוערְט בַּיי אִים זַייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער שְׁטְרָאם פוּן שֵׂכֶל, עֶס לוֹיפְן סְבָרוֹת לְכַאן וּסְבָרוֹת לְכַאן, הָאט עֶר אַן עֵצָה - שְׁרַייבְּן, וָואס אוֹתִיּוֹת הַכְּתַב זַיְינֶען מַגְבִּיל דֶעם שֵׂכֶל־שְׁטְרָאם, אִיז עֶס דֶעמָאלְט לַיְיכְטֶער מַכְרִיעַ זַיְין. מַה שֶׁאֵין כֵּן שַׁבָּת, הָאט עֶר דָאך נִיט דִי עֵצָה, מוּז עֶר זִיך מְיַגֵעַ זַיְין בְּיוֹתֵר, בִּיז עֶר קֶען מַכְרִיעַ זַיְין.

און אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט[יג], אַז בְּשַׁעַת דֶער מִיטֶעלֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן חֲסִידוּת אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר שְׁטִיל, דָאך פְלֶעגְט עֶר אַמָאל בְּשַׁעַת חֲסִידוּת זָאגְן: שַׁא, שַׁא. דֶער רֶבִּי (מְהוֹרַשַׁ״ב) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן הָאט עֶס מְבַאֵר גֶעוֶוען, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַיְינְצוּשְׁטִילְן דֶעם שֵׂכֶל־שְׁטְרָאם פוּן מוֹחַ.

אִין פְּלוּג, פַארְוָואס דַארְף מֶען אָפְּשְׁטֶעלְן נְבִיעַת הַמּוֹחִין?

נָאר וִוי מֶען הָאט גֶערֶעדט וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין, וַוייל מִצַד נְבִיעַת הַמּוֹחִין אִיז שְׁווֶער אָפְּצוּשְׁטֶעלְן זִיך און מַכְרִיעַ זַיְין בְּהֶחְלֵט. עֶס קוּמְט גְלַייך נָאך אַ טִיפֶערֶע הַעֲמָקָה וָואס בְּרֶענְגְט אַ פַארְקֶערְטֶע סְבָרָא - וִוי דֶער אָפְטֶער אוֹיסְשְׁפְּרַאך אִין מִיטֶעלְן רֶבִּי'נְס מַאֲמָרִים: "דְלֹא כְּנַ"ל".

## What Earns the Designation as 'One Who Serves G-d'?

**5. One of the primary** hardships **of the exile in**

ה. אֵיינֶער פוּן דִי הוֹיפְּט עִנְיָנִים

13. ***HaYom Yom*, entry for 4 Adar Sheni;** quoting *Sefer HaSichos 5697*, p. 163.

**Egypt was** ***avodas perach,*** generally translated as "back-breaking labor." **What is meant by** ***avodas perach?*** **The Talmud[14] explains that** the Egyptians **gave work befitting men to women, and work befitting women to men,** compelling them to perform **work that deviated what they would ordinarily do.**

**This dimension of** *avodas perach* **should also be replaced by its spiritual counterpart – carrying out our Divine service of the Torah and its** ***mitzvos*** **in a manner that goes beyond our ordinary** service.

**In a physical sense, work befitting women is easier than work befitting men since "it is the nature of man to conquer, but it is not the nature of women to conquer."[15] Nevertheless, since** the easier tasks **were not what is ordinary** and natural **for them, these tasks were considered back-breaking work.**

**The same applies in a spiritual sense: The task itself may be something small. However, since accomplishing that task requires a person to deviate from his ordinary pattern,** it is considered back-breaking work that can **replace back-breaking physical work.**

**As** ***Tanya***[16] **clarifies, the Talmud[17] describes a person who reviews his studies a mere 100 times as "one who does not serve [G-d],"[18] and one who reviews his studies 101 times as "one who serves G-d" because "in that era, the pattern was to review one's studies 100 times." Although the** 101st time **is merely one additional** review, **since** it challenges **the person to change his nature, he is** worthy as being **called "one who serves G-d."**

The significance of 101 can be explained as follows: **100 refers to the 10 powers of the soul, as**

ווֶעלְכֶע זַיְינֶען גֶעוֶוען בְּגָלוּת מִצְרַיִם אִיז "עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ". וָואס מֵיינְט עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ - זָאגְט דִי גְמָרָא[כ], אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן מֶענֶערְשֶׁע אַרְבֶּעט צוּ פְרוֹיעֶן אוּן פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעט צוּ מֶענֶער, וָואס דָאס אִיז נִיט ווִי גֶעווֶיינְלֶעךְ.

אִיז אוֹיךְ דֶעם עִנְיָן פוּן עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ דַארְף מֶען אִיבֶּערְבַּייטְן דָאס זָאל זַיְין אִין רוּחְנִיּוּת, אַז דִי עֲבוֹדָה אִין תּוֹרָה וּמִצְוֹת דַארְף זַיְין מֶער ווִי דִי גֶעווֹאוֹינְהַיְיט.

אוּן אַזוֹי ווִי אִין עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז דָאךְ דִי אַרְבֶּעט פוּן פְרוֹיעֶן גְרִינְגֶער פוּן מֶענֶער אַרְבֶּעט, ווָארוּם אִישׁ דַּרְכּוֹ לִכְבּשׁ וְאֵין אִשָּׁה דַּרְכָּהּ לִכְבּשׁ[כא], פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מִצַּד דֶעם ווָאס עֶס אִיז נִיט ווִי זֵייעֶר גֶעווֹאוֹינְהַיְיט אִיז דָאס עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת, אַז דִי עֲבוֹדָה אַלֵיין קֶען זַיְין אַ קְלֵיינִיקַיְיט, אָבֶּער ווִיבַּאלְד אַז צוּלִיבּ אִיר מוּז עֶר מְשַׁנֶּה זַיְין זַיְין גֶעווֹאוֹינְהַיְיט, פַּארְבַּיְיט דָאס דִי עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ בְּגַשְׁמִיּוּת.

אוּן אַזוֹי ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין תַּנְיָא[כב] דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם ווָאס דִי גְמָרָא[כג] זָאגְט, אַז הַשּׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְבַד ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן לֹא עֲבָדוֹ אוּן הַשּׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן עוֹבֵד אֱלֹקִים, אַז כָאטשׁ דָאס אִיז דָאךְ נִיט מֶער ווִי נָאךְ אֵיין מָאל, נָאר ווִיבַּאלְד עֶר אִיז מְשַׁנֶּה זַיְין טֶבַע, זַיְין גֶעווֹאוֹינְהַיְיט, "שֶׁבִּימֵיהֶם הָיָה הָרְגִילוּת לִשְׁנוֹת כָּל פֶּרֶק מֵאָה פְּעָמִים", הֵייסְט עֶר עוֹבֵד אֱלֹקִים. (אוּן דוּרְךְ דֶעם אֶחָד

14. *Sotah* 11b.

15. *Yevamos* 65b.

16. *Tanya,* ch. 15.

17. *Chagigah* 9b.

18. *Malachi* 3:18.

**they are all interconnected (10x10=100).** When the person reviews his studies 101 times, **through the one** additional time, **he accesses** and expresses **his** *yechidah* – the core dimension **of the soul** that transcends these specific potentials – **whose spiritual parallel is the aspect of** ***kesser.***[19]

דֶערְלַאנְגְט עֶר אִין יְחִידָה שֶׁבַּנֶּפֶשׁ. מֵאָה פְּעָמִים - עֶשֶׂר כֹּחוֹת הַכְּלוּלִים בְּעֶשֶׂר. מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד - בְּחִינַת יְחִידָה, וָואס לְמַעְלָה אִיז דָאס בְּחִינַת הַכֶּתֶר[כד]).

## When Compulsion is a Virtue

**6. There is another particular** dimension **of the above concept:** As mentioned above, **even an easy service – since it involves a change from one's ordinary** pattern – **can replace back-breaking physical labor and** cause a person to be **deemed "one who serves G-d."**

ו. נָאךְ אַ פְּרָט אִיז דָא אִין דֶעם, אַז נִיט נָאר וָואס אוֹיךְ דוּרְךְ אַ גְרִינְגֶער עֲבוֹדָה, וִויבַּאלְד אַז עֶס אִיז אַן עֶנְדֶערוּנְג פוּן זַיְין גֶעוואוֹינְהַיְיט, פַארְבַּיְיט דָאס דִי עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן עֶר הֵייסְט עוֹבֵד אֱלֹקִים;

**Moreover, even when the** person's **deviation from his ordinary pattern has not been internalized, meaning to say that, internally, he remains in his previous situation and he merely compels himself against his will, he nevertheless attains the virtue of being "one who serves G-d."**

נָאךְ מֶערֶער, אַז אוֹיךְ וֶוען דִי דָאזִיקֶע עֶנְדֶערוּנְג פוּן זַיְין גֶעוואוֹינְהַיְיט אִיז נִיט אִין אַ פְּנִימִיּוּת, דָאס הֵייסְט אַז בִּפְנִימִיּוּת פַארְבְּלַיְיבְּט עֶר אִין זַיְין פְרִיעֶרְדִיקֶער רְגִילוּת, עֶס אִיז מֶער נִיט וָואס עֶר נוֹיט זִיךְ בְּעַל כָּרְחוֹ, הָאט עֶר אוֹיךְ דִי מַעֲלָה פוּן עוֹבֵד אֱלֹקִים.

**The reason** he is deemed "one who serves G-d," even though his Divine service is not internalized, **is that a Jew's inner will is good.** Any departure from that inner will comes **only because his evil inclination forces him to do so, and compulsion against** his will **is sufficient** to overcome the influence of the evil inclination and reveal his true nature.[20]

דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם אִיז, וַוייל דִי פְּנִימִיּוּת הָרָצוֹן פוּן אַ אִידְן אִיז דָאךְ טוֹב, מֶער נִיט שֶׁהַיֵּצֶר הָרָע אוֹנְסוֹ, אִיז אוֹיף דֶעם מַסְפִּיק אוֹיךְ דִי כְּפִיָּה בְּעַל כָּרְחוֹ[כה].

## Harnessing the Donkey

**7. The preceding explanations enable us to understand the Alter Rebbe's statements in** ***Tanya,*** **quoting the analogy the Talmud brings** concerning the virtue of reviewing one's studies 101 times:

ז. לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין, וָואס דֶער אַלְטֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִין תַּנְיָא דֶעם מָשָׁל הַגְּמָרָא

---

**19.** See ***Likkutei Torah, Devarim,*** **p. 22c, and the sources cited there.**

**20.** ***Rambam, Hilchos Geirushin*** **2:20.**

In other words, there are three levels of the person's will operating simultaneously: a) his true inner will, which desires to carry out G-d's will, b) his conscious will which is susceptible to the influence of his evil inclination, and c) his will that is dependent upon his Divine service, which compels him to go against his evil inclination and conduct himself according to his inner will. See *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 484, footnote 16.

**"[When renting] a donkey in the marketplace, one can be rented [to travel] 10 *parsaos* for a *zuz,* but [the price to travel] 11 *parsaos* is [double], two *zuzim,* because it is more than the commonplace practice."**

**On the surface, it is puzzling why** the Alter Rebbe **includes the analogy of donkeys in *Tanya.*** Seemingly, it would have been sufficient to **mention only the Talmud's statements regarding the virtue of reviewing one's studies 101 times. We are forced to say that the analogy of donkeys is relevant to understanding the concept of deviating from one's ordinary pattern which is the subject of the discussion in *Tanya.***

The relevance of that analogy **can be understood by first** focusing on **a well-known principle: Every detail of an analogy given by the Torah corresponds to what it represents.** The entity on the physical plane **(the analogy) derives from** and manifests the spiritual reality **(the analogue).**[21] **Accordingly,** the analogy **must reflect** the analogue **in all its particulars.**[22]

**Similarly, in the present context, the body is described** with the analogy of **a donkey,** for the words *chamor,* "donkey," and *chomer,* "material substance," share the same root letters. **A Jew is charged with** the *mitzvah,* **"You shall certainly assist..."**[23] i.e., to raise a fallen donkey from the ground. As explained in *Chassidus,*[24] the spiritual counterpart of this *mitzvah* is that a person **should not content himself with Divine service relevant to the soul alone but should** raise the donkey, i.e., **refine the body as well.**

**There are two modes** to carry out **this** endeavor:

a) One must **transform the body from being a donkey, making it human**-like;[25] this is the mode of ***ishapcha,* transformation.**

פוּן "שׁוּק שֶׁל חַמָּרִים שֶׁנִּשְׂכָּרִים לְעֶשֶׂר פַּרְסֵי בְּזוּזָא וּלְאַחַד עָשָׂר פַּרְסֵי בִּתְרֵי זוּזֵי מִפְּנֵי שֶׁהוּא יוֹתֵר מֵרְגִילוּתָם".

וְלִכְאוֹרָה אִיז נִיט מוּבָן, פַארְוָואס דַארְף עֶר בְּרֶענְגֶען אִין תַּנְיָא דֶעם מָשָׁל פוּן דִי חַמָּרִים, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען נָאר וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט אִין דֶער מַעֲלָה פוּן הַשּׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד; מוּז מֶען דָאךְ זָאגְן, אַז דֶער מָשָׁל הַחַמָּרִים אִיז נוֹגֵעַ צוּם פַארְשְׁטַאנְד פוּן עִנְיָן פוּן שִׁינּוּי הָרְגִילוּת וָועגְן וֶועלְכְן עֶר רֶעדט דָארְט אִין תַּנְיָא.

וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בְּהַקְדִּים הַיָּדוּעַ אַז אִין אַ תּוֹרָה־מָשָׁל זַיְינֶען אַלֶע פְּרָטִים פוּן מָשָׁל מַתְאִים צוּם נִמְשָׁל, וָוארוּם דֶער מָשָׁל אִיז נִשְׁתַּלְשֵׁל מֵהַנִּמְשָׁל, בְּמֵילָא מוּזְן דָאךְ מַתְאִים זַיְין אַלֶע פְּרָטִים.

וּכְמוֹ כֵן בְּהַנַּ"ל: חֲמוֹר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דֶער גוּף. אוּן מֶען מָאנְט בַּיי אַ אִידְן עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ[כ], מְ'זָאל זִיךְ נִיט מִסְתַּפֵּק זַיְין מִיט עֲבוֹדָה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ דֶער נְשָׁמָה אַלֵיין, נָאר מְ'זָאל מְבָרֵר זַיְין אוֹיךְ דֶעם גוּף.

אוּן אִין דֶעם זַיְינֶען פַארַאן צְווֵיי אוֹפַנִּים:

א) מַאכְן דֶעם גוּף אוֹיס חֲמוֹר, מַאכְן אִים פַאר אַ מְדַבֵּר - אִתְהַפְּכָא.

21. To cite an example: Water serves as analogy for the Divine attribute of *chesed* ("kindness") in that it is soothing and refreshing, takes the form of the container in which it is found, flows downward, and has other qualities. The reason for these similarities is that water derives from *chesed* and, indeed, is one of the manifestations of *chesed* on this material plane.

22. See *Likkutei Sichos,* Vol. 7, p. 154ff., which explains this concept.

23. *Shmos* 23:5.

**24.** Quoted in ***Hayom Yom,* entry 28 Shvat;** see *Kesser Shem Tov, Hosafos,* sec. 21, and the references cited there. **See also *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 32,** which focuses on this teaching.

25. The term used for "human" in the main text is *midaber,* literally, a "speaker." See *Likkutei Sichos,* Vol. 6,

**There is a well-known story:**[26] Once, **when the Alter Rebbe had prepared to return home from Mezritch, the son of the Maggid of Mezritch,** Rav Avraham (commonly known as ***der Malach,*** **"the angel"), went to accompany him.** Rav Avraham **told the wagon-driver, "Whip the horses until they stop being horses"** (or, according to **another version,** "Whip them **until they know that they are horses"**). Hearing this, **the Alter Rebbe said that he had learned a** new **path in Divine service. He postponed his journey** home **and remained in Mezritch for a longer time.**

**b)** The body retains **its** animal-like **nature,** remaining **as it is,** and yet, the person **compels it to change its pattern;** this is the mode of ***iscafia,* subjugation.** A person who carries out **such** Divine service **is also called "one who serves G-d."**[27]

**This is** the concept that is **alluded to by the details of the analogy of** renting a **donkey in the marketplace. A** rented **donkey was not purchased; in other words, the donkey did not become the property of the renter. (In the analogue,** becoming the owner of the donkey reflects the Divine service of ***ishapcha.***) In this instance, the **donkey was merely rented, meaning that it remained in the same domain as before. Nevertheless,** the renter **does not reckon with its natural pattern of traveling only ten *parseos* and has it work more than what it is accustomed to.**

**Similar** concepts **also apply in the spiritual counterpart. The body remains in its material form as it** naturally is. **Nevertheless,** since the person **compels the physical matter of the body against its will, he is called "one who serves G-d."**

- עֶס אִיז דָאךְ יָדוּעַ דֶער סִיפּוּר, אַז בְּשַׁעַת דֶער אַלְטֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי פָּארְן פוּן מֶעזְרִיטשׁ אַהֵיים, אִיז גֶעגַאנְגֶען הָרַב הַקָּדוֹשׁ הָרַב הַמַּלְאָךְ (דֶעם מֶעזְרִיטשֶׁער מַגִּיד'ס זוּן) בַּאגְלֵייטְן אִים. הָאט דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט צוּם בַּעַל עֲגָלָה - מְ'דַארְף שְׁמַיְיסְן דִי פֶערְד אַז דִי פֶערְד זָאלְן וֶוערְן אוֹיס פֶערְד. נָאךְ אַ נוּסַח: אַז דִי פֶערְד זָאלְן וִויסְן אַז זֵיי זַיְינֶען פֶערְד. הָאט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז עֶס אִיז אִים צוּגֶעקוּמֶען אַ דֶרֶךְ אִין עֲבוֹדָה, אוּן הָאט אָפְּגֶעלֵייגְט דִי נְסִיעָה, אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן נָאךְ אַ צַיְיט אִין מֶעזְרִיטשׁ -

ב) זַיְיעֶנְדִיק בְּמַהוּתוֹ וִוי עֶר אִיז, זָאל עֶר זִיךְ כּוֹפֶה זַיְין אוּן מְשַׁנֶּה זַיְין רְגִילוּתוֹ - אִתְכַּפְיָא. אוּן אוֹיךְ דוּרְךְ דֶעם אוֹפֶן פוּן אִתְכַּפְיָא, הֵייסְט עֶר אַן עוֹבֵד אֱלֹקִים.

אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי פְּרָטֵי הַמָּשָׁל פוּן שׁוּק שֶׁל חֲמָרִים:

דֶעם חֲמוֹר הָאט עֶר נִיט גֶעקוֹיפְט, דָאס הֵייסְט דֶער חֲמוֹר אִיז נִיט גֶעוָוארְן זַיְינֶער (וּבַנִּמְשָׁל הוּא עִנְיַן אִתְהַפְּכָא), עֶר הָאט אִים מֶער נִיט וִוי גֶעדוּנְגֶען, דָאס הֵייסְט אַז דֶער חֲמוֹר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין זַיְין פְּרִיעֶרְדִיקְן רְשׁוּת, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן רֶעכְנְט עֶר זִיךְ נִיט מִיט זַיְין רְגִילוּת צוּ פָארְן מֶער נִיט וִוי עֶשֶׂר פַּרְסֵי, אוּן אַרְבֶּעט מִיט אִים יוֹתֵר מֵרְגִילוּתוֹ.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת, אַז הֲגַם דֶער גוּף אִיז בְּמַצָּבוֹ הַחוּמְרִי כְּמוֹ שֶׁהוּא, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז כּוֹפֶה דֶעם חוֹמֶר הַגּוּף בְּעַל כָּרְחוֹ עַל כָּל פָּנִים, וֶוערְט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן עוֹבֵד אֱלֹקִים.

(משיחת ש"פ וארא, תשי"א)

---

p. 115ff., which explains why this term reflects man's unique qualities.

26. *Likkutei Dibburim,* Vol. 1, p. 30a.

27. The intent is that even though the person's conscious mind has not fully internalized his Divine service, since his actions are aligned with his inner will, he is justifiably called "one who serves G-d."

טו) נו, ד.
טז) מט, א.
יז) תורה אור ח, ד.
יח) ד"ה מים רבים תרל"ו בתחלתו.
יט) היום יום - ד אדר שני.
כ) סוטה יא, ב.
כא) יבמות סה, ב.
כב) פרק טו.
כג) חגיגה ט, ב.
כד) זע לקוטי תורה ראה כב, ג. ושם נסמן.
כה) זע רמב"ם הלכות גרושין סוף פ"ב.
כו) היום יום - כ"ח שבט. זע אויך לקו"ש ח"א עמוד 32.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie